ב"ה, ערב"ק ראש חודש אייר, ה'תשל"ה
ברוקלין, נ.י.

לכבוד
מר חיים שי' גראדע

שלום וברכה:

עס האט מיר געפרייט צו באקומען א גרוס פון אייך און אייער פרוי שתחי'. א ספעציעלן יישר-כח פאר אייער בוך "די קלויז און די גאס". גיט קוקנדיג אויף דער אויסגערעכנטער צייט, האב איך באלד אנגעהויבן ליינען, יעדנפאלס די ערשטע דערציילונגען, און איך האף, אז איר וועט מיט דער זעלבער ליבשאפט באשרייבן אויך די אידישע יוגנט פון איצטיגן דור, בפרט אין ניו-יארק, וואס האט אויפגעכאפט דעם גאלדענעם פאדעם פון דעם אידישן המשך, ניט קוקנדיג וואס פיל פון זיי קענען אין דעם ניט דערווארטן הילף פון זייערע עלטערן, זיידעס און באבעס, ווי אין פריערדיגע דורות. און אין פיל פאלן, אדרבה, ברענגען די קינדער דעם אידישן באוואוסטזיין און טאקע אידישקייט ממש צו די עלטערן, אין איינקלאנג מיט דער נבואה: והשיב לב אבות על בנים – על ידי בנים.

און אויב אין אלע צייטן האט מען זיך גענויטיגט אין א שטארקען בטחון ניט ח"ו יאוש אד"ג, מוז מען דאך דערמוטיגען די דאזיגע יוגנט און ארויסברענגען מיט דער גאנצער שטארקייט אז מ'לעבט אויף זיי גרויסע האפנונגען. עס איז זיכער איבעריג מאריך צו זיין פאר אייך אין דעם ענין.

איך מוז נעמען א שטעלונג, לכל הפחות אין קורצע ווערטער, אין צוזאמענהאנג מיט דער אויפשריפט. איך דאנק אייך פאר דער הארציקייט וואס די אויפשריפט דריקט אויס, אבער בלייבנדיק לויט דעם אידישן מנהג, ווילט זיך גלייך פרעגן א שאלה: היתכן, אז עס קען נאך זיין, ווי איר דריקט זיך אויס, "בלאנדזשן אין נעפל"? בשעת בא אייך איז אזוי לעבעדיג די אלטע ווילנע, די אמת'ע ווילנע, און, ווי געשריבן פריער, מ'האט די פולסטע האפנונג, אז דורך דער היינטיגע יוגנט וועט מען קענען אריבערפלאנצן די נשמה דערפון אויך אין אמעריקאנער באדן, און וועט האפנטלעך בליען און שטייגען, כאטש עס וועט אפשר זיין מיט אן אנדער חיצוניות, און מ'קען ניט זיין זיכער אפילו בנוגע צו שפראך, אבער דאך, ווי געזאגט, אין חיצוניות און אפשר חיצוניות דחיצוניות -- האף איך, אז איר וועט מסכים זיין, אז ס'איז צייט צו פארבייטן דעם אויסדרוק "בלאנדזשן אין נעפל" מיט אן אנדערן און מער פאסנדן נוסח: אראפווארפן די פרעמדע קליידער פון זיך, און עס וועט זיך באלד באווייזן אויף יעדן אידן - וואס יעדער איינער איז דאך א מיטגליד פון ממלכת כהנים - די בגדי כהונה לכבוד ולתפארת.

געפינענדיג זיך אין די טעג פון ספירה, וואס דאס ציילן אונטער-שטרייכט די טייערקייט פון צייט, יהי רצון אז יעדער איינער פון אונז בתוככי כלל ישראל זאל טאן אין דער אויבנגעשריבענער ריכטונג אין אן אופן פון יפה שעה אחת קודם.

בכבוד ובברכה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ניצוצי אור מארכיוני הרב ניסן מינדל ע"ה עמוד מס: 72 הודפס ע"י אוצר החכמה